**Ojfn veg shtejt a bojm**

Ojfn veg shtejt a bojm,
Shtejt er ajngebojgn,
Ale fejgl funem bojm
Zajnen zich tseflojgn.

Draj kejn majrev, draj kejn mizrech,
Un der resht - kejn dorem,
Un dem bojm gelozt alejn
Hefker far dem shturem.

Zog ich tsu der mamen: -her,
Zolst mir nor nit shtern,
Vel ich, mame, ejns un tsvej
Bald a fojgl vern

Ich vel zitsn ojfn bojm
Un vel im farvign
Ibern vinter mit a trejst
Mit a shejnem nign.

Zogt di mame: - nite, kind -
Un zi vejnt mit trern -
Vest cholile ojfn bojm
Mir farfrojrn vern.

Zog ich: -mame, s'iz a shod
Dajne shejne ojgn
Un ejder vos un ejder ven,
Bin ich mir a fojgl.

Vejnt di mame: - ltsik, krojn,
Ze, um gotes viln,
Nem zich mit a shalikl,
Kenst zich noch farkiln.

Di kaloshn tu zich on,
S'gejt a sharfer vinter
Un di kutshme nem ojch mit
Vej iz mir un vind mir...

- Un dos vinter-lajbl nem,
Tu es on, du shojte,
Ojb du vilst nit zajn kejn gast
Tsvishn ale tojte...

**אויפֿן וועג שטייט אַ בוים**

אויפֿן וועג שטייט אַ בוים
שטייט ער אײַנגעבויגן,
אַלע פֿייגל פֿונעם בוים
זײַנען זיך צעפֿלויגן.

דרײַ קיין מערבֿ, דרײַ קיין מיזרח,
און דער רעשט קיין דרום,
און דעם בוים געלאָזט אַליין
הפֿקר פֿאַר דעם שטורעם.

זאָג איך צו דער מאַמען: הער,
זאָלסט מיר נאָר ניט שטערן,
וועל איך, מאַמע, איינס און צוויי
באַלד אַ פֿויגל ווערן.

איך וועל זיצן אויפֿן בוים
און וועל אים פֿאַרוויגן
איבערן ווינטער מיט אַ טרייסט
מיט אַ שיינעם נגון.

זאָגט די מאַמע: ניטע, קינד
און זי ווײנט מיט טרערן
ווערסט חלילה אויפֿן בוים
מיר פֿאַרפֿרוירן ווערן.

זאָג איך: מאַמע, ס'איז אַ שאָד
דײַנע שיינע אויגן
און איידער וואָס און איידער ווען,
בין איך מיר אַ פֿויגל.

וויינט די מאַמע: יצחק, קרוין,
זע, אום גאָטעס ווילן,
נעם זיך מיט אַ שאַליקל,
קענסט זיך נאָך פֿאַרקילן.

די קאַלאָשן טו זיך אָן,
ס'גייט אַ שאַרפֿער ווינטער
און די קוטשמע נעם אויך מיט
וויי איז מיר און ווינד מיר...

און דאָס ווינטער־לײַבל נעם,
טו עס אָן דו שוטה,
אויב דו ווילסט ניט זײַן קיין גאַסט
צווישן אַלע טויטע....

Översättning: Lennart Kerbel

På vägen står ett träd,
står där krokigt.
Alla fåglar på trädet
har flugit sin väg.

Tre åt väster, tre åt öster,
och resten åt söder,
och trädet blev ensamt kvar,
oskyddat mot stormen.

Säger jag till mamma: Hör på,
stör mig inte,
mamma, jag ska ett tu tre
bli en fågel snart.

Jag ska sitta på trädet,
och ska vagga det
om vintern och trösta det
med en vacker visa.

Mamma säger: Nej, mitt barn,
och hon fäller tårar,
kanske ska du förfrysa på trädet.

Jag säger: Mamma, det är
synd på dina vackra ögon,
och vad du än säger,
så är jag en fågel.

Mamma gråter: Itsik, älskling,
för Guds skull,
ta på dig en halsduk,
du kan ju förkyla dig.

Ta på galoscherna,
vintern är hård.
Och ta på dig pälsmössan
Ve mig…

Och ta på varma underkläder,
ta på dem, din dumbom,
om du inte vill gästa de döda…

Ch'hejb di fligl, s'iz mir shver,
Tsu fil, tsu fil zachn,
Hot di mame ongeton
Ir fejgele, dem shvachn.

Kuk ich trojerik mir arajn
In majn mames ojgn,
S'hot ir libshaft nit gelozt
Vern mir a fojgl...

Ojfn veg shtejt a bojm
Shtejt her ajngebogen,
Ale fejgl funem bojm
Zajnen zich tseflojgn

כ'הייב די פֿליגל, ס'איז מיר שווער,
צו פֿיל, צו פֿיל זאַכן,
האָט די מאַמע אָנגעטאָן
איר פֿייגעלע, דעם שוואַכן.

קוק איך טרויעריק מיר אַרײַן
אין מײַן מאַמעס אויגן,
ס'האָט איר ליבשאַפֿט ניט געלאָזט
ווערן מיר אַ פֿויגל.

אויפֿן וועג שטייט אַ בוים
שטייט ער אײַנגעבויגן,
אַלע פֿייגל פֿונעם בוים
זײַנען זיך צופֿלויגן.

Jag lyfter vingarna, det är tungt, för mycket kläder
har mamma tagit på sin fågel,
den svaga.

Jag tittar sorgset
i min mammas ögon.
Hennes kärlek lät mig
inte bli en fågel…

På vägen står ett träd,
står där krokigt.
Alla fåglar på trädet
har flugit sin väg.